# ראדאמער-קעלצער לעבן

Radom, dnia 19 Sierpnia 1932 r.
ראדאם, פרייטאג י״ח מנחם אב תרצ״ב

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען - פרייז:
איין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
„ „ „ אין „ 60 „
„ „ „ נאכ׳ן „ 25 „
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאלטען
8 שפאלטען
אין טעקסט 4 „

ברית הציונים הרביזיוניסטים בפולניה סניף ברדום

כוס תנחומין לחברינו העניעק קעסטענבערג
במות עליו אביו ע״ה ר׳ שמואל נ״ע
בעבודתך למען רעיוננו תניחם
בשם הועד של ברית הצה״ר
נח רוזנבוים, מנחם קאדענטשיק, סאנעק מאנדשיין,
אברהם רייזשער, אברהם זילבערבערג, ירחמיאל מרגליות

Lekarz-dentysta

**M. FRAJDAS**

*Radom, ul. Rwańska 21*

ordynuje

w chorobach zębów i jamy ustnej

*Nowoczesna protetyka dentystyczna*

przyjmuje

w godzinach od 10—2 i od 4—6

Prośby Podania Rekursy
Odwołania do wszelkich władz
oraz korespondencję handlową
NAJTANIEJ - ZAŁATWIĄ

**Biuro „UNITAS"** RADOM Żeromskiego 34

## 50 זל.! בעלוינונג! 50 זל.!

ווער עס וועט צוריקברענגען דעם פארטפעל מיט 4 וועקסלען
א היפאטעטשנע קוויט און פאספארט,
וואס איז פארלוירן געגאנגען מיטוואך דעם 10 שערפען ה. י. אויפ׳ן באהן
וועג ראדאם-ראזשקי, דער וועט בעקומען א בעלוינונג פון 50 זל
די אלע א. ד. דאקומענטען האבען קיין שום ווערט נישט, פאר דעם
וואס וועט זיי געפינען. — דעם פארטפעל בעט איך איבערגעבען אין
רעדאקציע וואו ער וועט באלד אויפן ארט בעקומען די 50 זל.

אני משתתף בצערו של חברי
העניעק קסטנברג
במות עליו אבא
ר׳ שמואל ע״ה
בנחמת ציון תנוחם
נח ראזענבוים.

מיט גרויס צער זענען מיר מודיע וועגן טויט
פון אונזער געליבטען אומפערגעסליכען מאן און פאטער
## שמואל קעסטענבערג ז״ל
(לאנגיעהריגער שיך - פאבריקאנט)
וועלכער איז נפטר געווארען אין עלטער פון 52 יאהר
דעם 12-טען מנחם אב תרצ״ב (14|8)
די לויה איז פארגעקומען דעם 15|8 ל.מ.
די אין טיעפען צער פארבליבענע:
### פרוי, זוהן, טעכטער, שנור
און פאמיליע.
גלייכצייטיג דאנקען מיר די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען
אין די לויה פון אונזער טייערען נפטר

## מאנטאג דעם 22|8 כ׳ מנחם-אב
פאלט אויס די ערשטע שמערצליכע יאהרצייט
פון אונזער געליבטען אומפערגעסליכען זוהן
## צבי-זאב העלצמאן ז״ל
אין דעם זעלבען טאג 12 אזייגער וועט פארקומען
אויפ׳ן קבר א הזכרה
אויף וועלכע מיר פערבעטען פריינד, בעקאנטע און חברים
די טרויערענדע עלטערן.
גלייכצייטיג וועט ווערען ארויסגעשטעלט א מצבה

## ווארנונג

דערמיט בין איך מתרה פאר דער עפענטליכקייט דעם לאקאטאר בע-ריש ריכטמאן ער זאל זיך ארויכציהן פון דער דירה אויף זווייגסקא גאס 25 (אין הויף).

דאס הייזעל געפינט זיך אין סכנה און עס דראהט די איינוואוינער יעדען מאמענט א געפאהר, אז ס׳זאל איינפאלען. ציליעב דעם האב איך א בעפעהל פון דער בוי-קאמיסיע ביים מאגיסטראט דאס הייזעל וואס שנעלער איינצווארפען וואס איך מוז אויספיהרען.

איך האב דעם ה׳ ריכטמאן ווען ער געהט איין מיט גוטען, געוואלט געבען געלד ער זאל זיך דינגען א אנדערע דירה. דערויף האב איך עדות דעם גאנצען הויף לאקאטארען און דעם ה׳ משה פישער. אזוי ווי ער האט נישט געוואלט בשום אופן וויל איך איהם מעהר נישט געבען קיין געלט נאר בלויז שענקען דאס דירה-געלד, וואס ער איז שולדיג. איך וואהרען איהם ער זאל זיך וואס שנעלער ארויסציהען, ווייל אין געגענפאל וועל איך נישט זיין פעראנטווארטליך פאר די ווייטערדיגע קאנסעקווענצען.

**ב. האנצבערג**

די גאלעריע צוקוקער, וואס האבען שוין אליין אויך געהאלטען ערב-מל. חמה, איז זיך ביסלעכווייז פונאנדער-געגאנגען און ס'איז געווארען שא-שטיל, ווי קיינמאהל גארנישט.

ווער דער שלעגער איז געווען און וואס ער האט געוואלט, איז דערווייל נישט געלונגען געוואהר צו ווערען. איין זאך האט זיך אבער יא לייזער געלאזט קאנסטאטירען. וואס די ווייטיגע מענשן אנשטאט פונאנדער צורייסען דאס געשלעג וענען געשטאנען רוהיג צוקוקענ-דיג און מקבל תענוג געווען ווי אזוי צוויי מענשען שטויסען זיך מיט די הערנער-העגד נישט צווויסען פארוואס און פארוואן. די דאזיגע צוקוקער האט אפנים אימפאנירט דער פויסט-קאמף, ווייל ס'האט א סך נישט געפעהלט און זיי אליין זאלען פארקאטשען די ארבעל און היידא אריין אין קנויל פון געשלעג

נייגעריגע מענשען געפינען איבע-ראל א שעהנעם, אמוזירענדען ספעק-טאקל בפרט אין דער היינטיגער צייט ווען די פייכט אין יאקסין-קעמפער זענען איזעלכע יחסנים. דאס וואלט שוין באלד „ריכטיג" געווען. אבער ווי קומט א פרינט?

MYDŁO kollontay Z PRALKĄ jest lepsze pierze, chroni, oszczędza
Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927 r
Genaral przedstawicielstwo na okręg kielecko-radomski
DOM HANDLOWO-KOMISOWY M. CUKIERMAN KIELCE
ul. Sienkiewicza 32, Telefon 4-55,

# א ועד הכשרות אין ראדאם

אין די שטיבלעך פון גער, וואורקע, סטריקאוו איז פאריגען שבת געווען א גאנצער קאך. די שוחטים, וואס דאוו-נען דארט האבען אויפגעפאדערט די חסידים זיי זאלען זיך אננעמען פאר זייער קשיודע און געהען אין גמינע אריין פרעגען פאר וואס מען צאהלט נישט אויס די שוחטים רעגולער פענסיעס. די שוחטים האבען זיך בעק-לאגט פאר די מתפללים אין די שטיב-לעך, אז מען צאהלט זיי נישט אפילו די העלפט פון די פענסיעס און זיי פיהלען זיך ראדורך עקאנאמיש זעהר געדריקט. זיי האבען אויפמערקזאם גע-מאכט די חסידים אז צוליב דעם וואס זיי האבען א גרויסע זארג פון פרנסה און האבען נישט אויף זייער געברויך. איז זיי דער קאפ אזוי פער'עולט און פער'דאגה'ט, אז זיי פיהלען. אז דערפון ליידט די כשרות, צו וואס מ'ברויך הא-בען קלארע רעיונות אהן עגמת נפש.

אין די דערמאנטע שטיבלעך איז אלזא בעשלאסען געווארען צו פעראינ-טערעסירען זיך מיט דער לאגע פון די שוחטים און גלייכצייטיג אויך שאפען א ועד-הכשרות, וואס זאל אכטונג גע-בען אויף אלע כשרות-ענינים.

דער ועד הכשרות ווערט ארגאניזירט ביי הרב טייטעלבוים, ביי וועמען, ס'איז די וואך אבגעהאלטען געווארען די ערשטע אסיפה.

# עזרה שיקט קראנקע קיין בוסק

היינטיגען מיטוואך איז שוין פארגע-קומען די ערשטע זיצונג פון דער מע-דיצינישער קאמיסיע אין וועלכער ס'האָ-בען זיך בעטייליגט די ה"ה דאקטוירים קאדישעוויטש, פינקעלשטיין און הערץ.

פאר די קראנקע וועלכע פאהרען שוין אב אין סוף פון היינטיגן חודש זענען שוין נערינגען געווארען דורכ'ן פרעזעס ה' איתמר אדלער א געהעריגע צאהל שטיבען אין איינער פון די שענסטע ווילעס אין בוסק.

די פערשרייבונגען קומען פארלויפיג נאך פאר נישט קוקענדיג וואס די צאהל שוין פערשריבענע איז א גענוג גרויסע.

אויך אין דער צווייטער וואך וועט פארקומען דאס קוואליפיצירען קראנקע דורך דאקטוירים וועגן וואס די פעראינ-טערעסירטע פערזאנען וועלען פריהער בעקומען צוגעשיקט בריעף.

# „גיעב אויף בראנפען"

ליצ:ענס קען מען בעמערקען אויף די ראַמעד גאסען ארומעפאצירען א געוויסען פארשוין אין א העלען גארני-טור אין ציקליסטען-היטעל, וואס שטעהט צו צו די פערבייגעהער אויף א דרייס-טען, אומאלערישען אופן, פאדערענדיג ביי זיי ציגעבען איהם אויף בראנפען.

דער דאזיגער פארשוין מאכט דאס נישט בלויז אין אוונד, נאר אויך אין מיטען העלען טאג. א סך מענשען, נישט קענענדיג זיך פון איהם אבפּשע-פען און וועלענדיג אויסמיידען א סקאנ-דאל, קויפען זיך אויס פון דאזיגען שכור'ען אזאנטוריסט

ס'וואלט געווען א יושר די פאליציי זאל זיך דערמיט פעראינטערעסירען.

# די בעסטע רייזע קיין ווארשא.

די רייזע פאר ראדאמער פאסאזשי-רען קיין ווארשא און צוריק איז די בעיואוסטע, די זיכערסטע און די פינק-טליכסטע נאר מיט די קאלייקע-אויטא-בוסען.

די בעקוועמליכקייט אין די אויטא-בוסען. ווי אויך אין דער קאלייקע איז יעדען רייזענדען גוט בעקאנט. די בעה-האנדלונג און די בעציהונג מצד די קאנדוקטארען איז זעהר א העפליכע און זארגפעלטיגע.

6 אויטאבוסען געהען אב טעגליך פון ראדאם קיין גריצע צו דער קאליי-קע, וועלכע האבען גלייכען אנשלוס קיין ווארשא. דער ערשטער אויטאבוס געהט אוועק פון ראדאם 5 פריה און דער לעצטער 6 נאך מיטאג.

אויך פון ווארשא געהען אב 6 צוגען קיין גריצע, וואו ס'איז גלייך פארהאן אויפ'ן באהן-טאר א פינקטליכע אויטא-בוסען-קאמוניקאציע.

9-5

# שמואל קעסטענבערג ג. ע.

אין ראדאם איז דעם פערגאנגענעם זינטאג געשטארבען דער לאנגיעהריגער בעוויסטער שיך - פאבריקאנט שמואל קעסטענבערג.

דער פערשטארבענער האט אנגעהערט צו די אנגעזעהנע בירגער פון שטאדט מ'האט איהם חשוב געהאלטען פאר זיין סאלידקייט און פיינע מענשליכע מידות.

אין יעדער וויכטיגער אקציע און דבר טוב האט זיך געלאזט פיהלען זיין בעדייטענדע נתינה. בעזונדערס האט ער זיך אייסגעצייכענט אויפ'ן געביעט פון ערטיילען אפט בעדייטענדע גמילת חסדים, פאר וואס א סך מענשען זענען איהם שטארק דאנקבאר געווען פאר די טובות וואס ער האט זיי געטוהן אין דער היינטיגער שווערער צייט.

ת נ צ ב ה.

# דאנקבארקייט...

עס איז היינט ווירקליך א זעלטענע ערשיינונג, וואס טויזענדער פרויען דריקען אויס זייער אנערקענונג און ענטציקונג פאר די פרעפאראטען „הער-בא". נאכפיל נישט ווערקזאמע פרובען און ענטוישונגען, האבען זיך איבער-צייגט, אז דער איינציגער נישט פער-גלייכליכער זייף הערבא בעפרייט רא-דיקאל די אלע אונריינקייטען פון די צערע. פיעגיס, וואנגרעס, לישאיטס א. ד. ג. געהען שנעל אב ביים רעגו-לערען בענוצען דעם זייף הערבא — עס ענטהאלט ווירקזאמע היילן-שאלען צו בעקומען שוין פון 90 גר.

2—2






Tajemnica czystej zdrowej cery...? niezrównane
MYDŁO HERBA
Krem „HERBA" jest już do nabycia od zł 0,90

# די „שווארצע קראה" לאזט זיך ווייטער הערעז

שוין געווען א ביסעל שטיל מיט דער געהיימער שאנטאזש-ארגאניזאציע אינטער'ן קלינגענדען נאמען „שווארצע-קראה"

ס'איז גארנישט לאנג ווי דער שיך-פאבריקאנט קלמן גאלדבערג און דער-נאך דער ה' יחיאל פרענקעל האבען בעקומען דראהונגס-בריעף פון עפעס א געהיימע „שווארצע קראה". זייט דאן איז אריבער א שטיקעל צייט און ווי-דער האבען מיר א „גרוס" פון איהר.

די טעג האט זיך די „שווארצע קראה" ווידער געלאזט הערען. אין אויס-פארשונג'ס-אמט ביי דער פאליציי האט זיך געמעלדען א געוויסער פראנציששעק וואלאסעק, א פוהרמאן, וועלכער האט פארגעשטעלט א בריעף, וואו ער ווערט אויפגעפאדערט צו ברענגען 500 זלאטעס אין קאפטער וואלד. אויב ער וועט נישט אויספיהרען דעם בעפעהל ווערט איהם געדראהט מיט א שרעקליכען טוידט. אונטער'ן בריעף איז אינטערגעשריבען „שווארצע קראה".

דער ערשטער חשד איז געפאלען אויפ'ן סטרוזש פון רווינסקא נומ. 18, יוזעף קומאר, אז ער זאל זיין פערמישט אין דאליגען דראהונג'ס-בריעף.

דער חשד האט זיך גענומען דערפון, וואס אין זעלבען הויז וואהנט וואלאסאק.

ביים אויסהערען דעם סטרוזש האט זיך אבער ארויסגעשטעלט אז ער קען נישט נאר לייענען. נאר אפילו שרייבען קען ער אויך זעהר שוואך, אזוי, אז ס'איז שווער געווען צו גלויבען, אז ער זאל האבען געשריבען דעם בריעף.

דער אויספארשונג'ס-ריכטער האט קו-מאר'ן געלאזט אויף דער פריי, אבער די פאליציי פיהרט ווייטער וועגען דעם א אויספארשונג

---

צו דער פערלאבונג פון אונזערע קינדער

פר"ל. אנדזיא ראזענבערג

מיט ה' ישעיה דוד לעסלויא

שפענדען מיר פאר פאלגענדע אינסטיטוציעס:

| | |
|---|---|
| 1) תלמוד תורה סקארשיווער גאס | 18 זל |
| 2) ישיבה „תורת חיים" | 18 זל |
| 3) „בית יתומים" | 18 זל |
| 4) „עזרה" | 10 זל |
| 5) „לינת-הצדק" | 10 זל |
| 6) „הכנסת כלה" | 10 זל |
| 7) „טאז" | 10 זל |
| 8] „בית יעקב" | 10 זל |

פאמיליע לעסלויא

---

# געבונדען די פרוי און זי געוואלט ערמארדען

שוין א לענגערע צייט ווי ביי דעם פארפאלק וואלקעוויטש אויף דער גליני-צע קומען פאר גרויסע סקאנדאלען און מחלוקות. נישט איינמאהל זענען די שכ-נים פון יענעם הויז געווען עדות פון בלוטיגע געשלעגען צווישען דעם דער-מאנטען פאר'ל

עהערנעכטען מיטוואך איז ווידער אויסגעבראכען א מחלוקה און די וואל-קעוויטש'ס האבען אנגעהויבען צווישען זיך א שרעקליכע „וואלקע", וואס האט זיך שיער נישט געענדיגט מיט מארד.

ווי דער שטייגער אין פאמיליען-סכ-סוכים האט זיך אנגעהויבען מיט אי-בערווערטלען זיך. פון וואס מען איז דערנאך איבערגעגאנגען צו האגד-אר-בייט. לסוף האט דער מאן געבינדען די פרוי מיט שטריק און געוואלט זי איינפאך דער'הרג'ענען. ער האט זיך געווארפען אויף איהר מיט א מעסער מיט וואס ער האט איהר געמאכט עט-ליכע וואונדען.

אויף די הילפס רופען פון דער גע-בינדענער פרוי אין אנגעלאפען מענ-שען פון הויף, וועלכע האבען אלאר-מירט די פאליציי

וואלקעוויטש איז ארעסטירט געווא-רען און אזוי-ארום איז די פרוי ניצול געווארען.

Biuro Próśb i Podań
p. f. „PROLITEX"
RADOM, WAŁOWA, 5 oficyna 1-sze piętro.
ZAŁATWIA:
Sprawy paszportowe
Mieszkaniowe
Wszelkie Tłomaczenie
i inne.
Redaguje Podania:
Do Władz Sądowych
Skarbowych
Administracyjnych
i Wojskowych.
Windykacje należności w całej Polsce.
Informacje o zdolności kredytowej
Przepisywanie na maszynach.
wykupywanie patentów na rok 1932.
Biuro czynne: od godz. 9-ej rano do 7-ej wieczór.

OGŁOSZENIE
Magistrat miasta Radomia, Gazownia Miejska podaje do wiadomości, osobom zainteresowanym, że od dnia 20 Lipca 1932 r. aż do odwołania będą
PRZEPROWADZANE
BEZPŁATNIE
INSTALACJE GAZOWE
DLA UŻYTKU GOSPODARSTWA DOMOWEGO
na warunkach jak niżej:
Instalacja zostanie wykonana całkowicie na rachunek Gazowni Miejskiej i stanowić będzie bezspornie własność Gazowni Miejskiej.
Wzamian za co odbiorca gazu zobowiązuje się do następującego ekwiwalentu na rzecz Gazowni Miejskiej.
1) wpłacenia do Kasy Gazowni Miejskiej. tytułem kaucji w dniu podpisania zobowiązania Złotych 25.
2) za 1 m³ gazu świetlnego kasa Gazowni pobierać będzie opłaty w g taryfy ustalanej przez Magistrat m. Radomia plus 20 % na amortyzację instalacji: Wspomnianie opłaty uiszczane będą na podstawie każdorazowego rachunku Gazowni Miejskiej, wystawionego pg gazomierża (zużycia) jaki będzie umieszczony w lokalu.
3) oprócz opłaty za gaz odbiorca obowiązuje się regulować należności za dzierżawę gazomierza wg cen ustalonych przez Magistrat m. Radomia oraz remontu.
Bliższe informacje udzielane są w przedstawicielstwie „FORDA" w Radomiu przy ul. Żeromskiego Nr. 21, codziennie od godziny 11 do 13-ej i od 17-ej do 19-ej.


POT
i niemiła woń z rąk, nóg i pach usuwa znany i niezastąpiony od 1/2 wieku
SUDORYN
Z SITKIEM
FABRYKA CHEMICZNO-FARMACEUTYCZNA „AP. KOWALSKI" WARSZAWA
UWAGA!! WYSTRZEGAĆ SIĘ NAŚLADOWNICTW O PODOBNEM BRZMIENIU I OPAKOWANIU

# די שטוב ווירטען איז א אויטאריטעט

אין ווירטשאפטליכע אנגעלעגענהייטען. דער פערפומירטער, ארויסגעבענדער זייף מיט די יאַשטשורקע, האָט זיך ערווארבען פאָלשטענדיגע אנערקענונג פון די שטיב פרויען.




די יאשטשורקע אויפ'ן זייף דאָס איז דער פאבריקס צייכען וואָס גאראנטירט ערשטקלאסיגען פראדוקט פאר א נידריגען פרייז



## אוראלאגישער-אנשטאלט

— פון —
ד"ר מעד. באגומיל ענדעלמאן

ווארשא, זיעלנא 35, טעל. 30—254

נאז, האלז, פענכער-און געשלעכטס-קאנאל-קראנקהייטן

נייעסטע איינארדנונג, קאמפארט איינגעארדענטע איינצל און אלגעמיינע צימער:

פרייזען צוגענגליכע





Optyk Dyplomowany

## Z. WĘGIER

Absolwent Wyższej Szkoły Optycznej w Jenie

RADOM ul Żeromskiego 25

POLECA

Okulary i binokle

Wykonanie recept ściśle według przepisów P.P. Lekarzy

ZEISS PUNKTAL

Obsługa ściśle fachowa

Ceny [illegible] przystępne



# אכטונג עלטערען!

אין צוזאמענהאנג מיט'ן נייעם שול-יאהר האט די פערוואלטונג פון דער „שול-קולט" שולע דעם כבוד בעקאנט צו מאכען, אז עס ווערט דאס יאהר געעפענט

## א 6-טע קלאס אויך א צוגרייטונג'ס-קלאס

פאר אינגלעך און מיידלעך

צו דעם צוועק איז דער שול-בנין פערגרעסערט געווארען דורך צודינגען א לאקאל אויף זשעראמסקי 30.

די 7 קל. „שול-קולט" שולע (מיט גימנאזיע-פראגראם) האט אין פערלויף פון עטליכע יאהר פון איהר עקזיסטענץ בעוויזען צו געפינען די גרעסטע אנערקענונג ביי די עלטערען פון אונזער שטאדט.

די שול-מאכט האט נאך עטליכע וויזיטאציעס אין דער שולע אויסגעדריקט איהר גרעסטע אנערקענונג פאר די גלענצענדע דערגרייכונגען אין אנוועזענהייט פון מיטגלידער פון עלטערען-קאמיטעט (ה"ה: איתמר גארפינקעל, יחיאל נרינבערג, יצחק גרין, ישעיה אייגער, שלמה קעשינסקי און אנדערע.)

יודישע עלטערן! אויב איהר ווילט, אז אייערע קינדער זאלען ערצויגען ווערען אין גייסט פון אכטונג און ליבע צו דער יודישער געשיכטע און צו די אורקוועלען פון דער יודישער קולטור, צו דער העברעאישער און יודישער שפראך און צום איידיגען אויפבוי-ווערק און גלייכצייטיג דערמעגליכען זיי דורכצומאכען וועלטליכע לימודים לויט'ן גימנאזיע-פראגראם

שטיצט די בעמיהונגען פון דער „שול-קולט" שולע

און פערשרייבט מיט'ן פולען צוטרוי אייער קינד.

איינשרייבונגען און עקזאמענס קומען פאר פון 23-טן שערפיען אין דער שול קאנצעלאריע וויסאלרא 7 אדער זשעראמסקי 30 פון 10 ביז 2.

מיט אכטונג

פערוואלטונג פון דער שול-קולט שולע.


# פאר דער יודישער עפענטליכקייט

## אין ראדאם

איך געפין פאר נויטיג איבערצוגעבען די יודישע עפענטליכקייט אין ראדאם פאלגענדע אינטערעסאנטע געשיכטע פון ראדאמער איינוואהנער ה' שמואל מילעכיאר.

מיט איינעגע יאהר צוריק האב איך א שידוך געטוהען מיט א בחור פון פולאווי הערש צוקער. (וועל צוקערמאן) איך האב איהם געגעבען נדן 8300 זל. נישט לאנג נאך די תנאים איז דער שידוך אוסטערט געווארען. אבער דעם נדן האט מיר דער געוו. חתן נישט אומגעקעהרט. איך האב איהם גערופען צים לובלינער ראבינאט, וועלכער האט מיר ארויסגעגעבען א פסק-בית-דין, אז ה' הערש צוקער איז מיר מחויב דאס נדן-געלד אבצוגעבען דאס האט אבער נישט געהאלפען. איך בין געבליבען ביים פסק און ער ביים געלד

אין דער צווישען-צייט בין איך געוואהר געווארען, אז ה' צוקער האט א שידוך געטוהן מיט'ן ראדאמער איינוואהנער ה' שמואל מילעכיאר. איך בין געקומען קיין ראדאם, זיך געווענדעט צו הרב קעסטענבערג און פערלאנגט אז ה' מילעכיאר זאל פריהער נישט חתונה מאכען ביז זיין חתן וועט נישט ערלעדיגען דעם חוב. ה' מעלכיאר האט ערקלערט, אז ער האט איבער זיין טאכטער גארנישט צו זאגען און קען דעריבער גארנישט העלפען. ווען איך האב זיך דערוויסט, אז דער ה' הערש צוקער איז געקומען צו זיין כלה קיין ראדאם אויף היינטיגען שבת, בין איך אויך געקומען אהער איהם רופען לדין. ביים רב האבען די ה"ה מילעכיאר און צוקער געגעבען פערשידענע נישט געשטויגענע תירוצים און דער ענין איז ווייטער געבליבען נישט ערלעדיגט. בין איך אוועק אין דער גמ"ח-קאסע אויף סקארשאוו. גאס דא וואו ה' מילעכיאר ארבייט אלס אנגעשטעלטער אין דער גמ"ח-קאסע און פשוט אפעליט צו זיין מענשליכען געוויסען, אז ער רואינירט מיך, וויזענדיג דערביי ווידער אמאהל דעם פסק בית-דין פון לובלינער ראבינאט. אבער אנשטאט צוענטפערן מענשליך, יושר'דיג און ווי א יוד דארף האט ער מיט זיין יונגערען איידעם מיך אדאבגעשטויסען פון די שטיגען און געוואלט שלאגען. די שכנים וועלכע האבען דאס בייגעוואהנט קענען בעשטעטיגען. אז מיין אויפפיהרונג און מיין ארט רעדען צום ה' מילעכיאר איז געוועזן אנשטענדיג און טאקטיש

דאס גיב איך איבער צום משפט פון דער ראדאמער יודישע עפענטליכקייט.

**משה אדלערשטיין**

ביאלא-פאדלאסקא, וואלנאצש 11.